# ווען דאָס פֿאָלק איז אומגליק וויינט

האָסט געעפֿנט דיין נעמים
ווי אַ טיר צום צער פֿון מענטשן
איז געקומען ס'שטילע ליד
ווי אַ ברכה דיך צו בענטשן.

איך די ברכות זענען היינט
אָנגעהויכט מיט בייזע בשורות,
ווען דאָס פֿאָלק איז אומגליק וויינט
וויינען-מיט די שיינע זמירות.

און דער מינדסטער, דינסטער אות
פֿון אַ ביכל דין און אָרים
וויינט אַריין אין פֿולן כוס
מיט די שיינע, גרויסע ספֿרים.

וואָס באַדייט אַזאַ געוויין?
ס'האָט דערוויל נאָכנישט קיין נאָמען,
ס'וועט מסתּמא ווו דערגיין,
ס'וועט מסתּמא ווו אָנקומען.

מיש די בלעטער, בלאָט נאָך בלאָט,
וועסט דעם רוף פֿון טרייסט דערהערן,
איך די וועלט איז נע-ונד
ערגעץ-ווו צווישן שטערן...